גליון

# יומא בהילולא

ביאגראפישע שטריכן און קורצע אפשאצונגען איבער דאס לעבן און שאפן פון רבותינו הקדושים וועמענ׳ס ימי ההילולא געפאלט אין די קומענדיגע טעג.

שנה א׳ גליון י״א
פרשת ויגש
תשפ״ד

## לוח ההילולא

**י״א טבת.**

הגאון הגדול רבי שלמה אייגער זצ״ל אבדק״ק קאליש און פוזנא.
הרה״ק רבי דוד׳ל זלאטיפאל׳ער זצ״ל.

**י״ב טבת.**

הגה״ק רבי משה מרגליות זצ״ל בעל פני משה.
הגאון רבי משה כ״ץ זצ״ל אבדק״ק נייטרא.

**י״ג טבת.**

הרה״ק רבי מנחם מענדל האגער זצ״ל אבדק״ק ווישווא.

**י״ד טבת.**

הגאון רבי יהודא ליבער חריף זצ״ל מקראקא.

**ט״ו טבת.**

הגאון רבי יצחק צבי הלוי יונגרייז זצ״ל אבדק״ק קאשוי.

**ט״ז טבת.**

הרה״ק רבי אליעזר רובין זצ״ל מסאסוב - ארה״ב.

**י״ז טבת.**

הרה״ק רבי פישל׳י מסטריקוב זצ״ל.

## י״א טבת

### הגאון הגדול רבי שלמה אייגער זצ״ל אבדק״ק קאליש און פוזנא

געבוירן אין יאר תקמ״ז אין שטאט ליסא, צו זיין פאטער הגה״ק רבי עקיבא אייגער זצ״ל אב״ד פוזנא און זיין מוטער מרת גליקלכא ע״ה בת הנגיד רבי יצחק איציק מרגליות ז״ל. בשנת תקנ״א, זייעדיג זעקס יאר אלט, איז ער אינאיינעם מיט זיין פאטער און משפחה זיך אריבער געצויגן, צוליב א שריפה, צו די שטאט ראוויטש, און שפעטער צו די שטאט מארקיש-פרידלאנד, וואו זיין פאטער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט. דארט אין מארקיש, פרידלאנד, האט ער געלערנט אין זיין טאטע׳נס ישיבה, ווערנדיג באקאנט אלס "עילוי" און פון די אויסגעצייכנטע תלמידים אין ישיבה. בשנת תקס״א, אלס זעכצן יעריגער בחור, איז ער א חתן געווארן מיט מרת רבקה גאלדא ע״ה טאכטער פון רבי ישראל הירשוזן ז״ל בן הגביר רבי הערש צענצאמינער ז״ל פון ווארשא. פינף און דרייסיג יאר איז ער געבליבן וואוינען אין ווארשא.

דארט אין ווארשא האט רבי שלמה עוסק געווען אין מסחר, אבער ער האט רוב שעות פון טאג מקדש געווען פאר לימוד התורה און געמאכט תורתו קבע ומלאכתו עראי. אינאיינעם מיטן טוהן געשעפטן האט ער געהאט א געוואלדיגע השפעה אין שטאט אלס גדול בתורה, האבנדיג א ווארט אויף שאלות וואס זענען אפירגעקומען ביים אידישן ציבור אין ווארשא, זייענדיג א פערזענליכקייט צווישן די אנדערע גדולים וועלכע האבן דארט געוואוינט און געווירקט, ווי דער גאון דער חמדת שלמה זצ״ל און דער גאון רבי יצחק מאיר זצ״ל (דער שפעטערדיגע ערשטער גער׳ער רבי), און אפילו די חסידים אין ווארשא האבן זיך גערעכנט מיט זיין ווארט, טראצדעם וואס רבי שלמה האט זיך נישט געציילט צווישן די חסידים, [ס׳איז דא די פלאץ צו באמערקן אז עס דרייען זיך אסאך לאגענדעס איבער דאס אנגעבליכן אויסטערלישע שארפן התנגדות פון רבי שלמה צו חסידות, וואס שטאמען פון די משכילים וועלכע האבן געוואלט מבאיש רוח זיין די חסידים, און ס׳איז אסאך געבויעט אויף שטות והבל].

אין יאר תקצ״א, האט אויסגעבראכן אן אויפשטאנד אין פוילן קעגן די רוסן, דעמאלטס האט רבי שלמה געמוזט אנטלויפן פון ווארשא און האט געוויילט בערך אכט חדשים אין בראבורג. נאכן קריג האט ער זיך צוריקגעקערט קיין ווארשא. ער האט אבער צוליב די קריג פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן, און דעריבער אנגעהויבן זוכן א רבנות פאסטן. דאס נאמען פון רבי שלמה אייגער האט דאן אנגעהויבן צו קלינגען און א רייע גרויסע קהילות האבן אים געוואלט זעצן אויף זייער רבנות שטוהל, צווישן זיי פראג, און אובן ישן [-בודא].

ראש חודש אייר, שנת תקצ״ה, איז ער געווארן רב אין קאליש, פוילן, וואו ער איז געזעצן אלס רב פאר פינף יאר. נאכן הסתלקות פון זיין פאטער, ביום י״א תשרי שנת תקצ״ח, האבן די ערליכע אידן פון די שטאט פוזנא אים געוואלט אויפנעמען אלס מ״מ, אבער די משכילים פון שטאט האבן זיך קעגנגעשטעלט. נאך א לאנגע קאמף פון צוויי יאר האבן די ערליכע אידן מנצח געווען און רבי שלמה איז בשנת ת״ר, געווארן רב אין פוזנא. דארט האט ער באנייט די ישיבה וואס זיין טאטע האט געגרינדערט און האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים.

אין די לעצטע תקופה פאר זיין פטירה האט ער ביטערליך געקעמפט קעגן די רעפארמער אין פוזנא. וועלנדיג ארויסגיין קעגן זיי מיטן שארפסטן, האט ער אבער נישט געהאט מיט זיך די רבנים פון די דערנעבנדיגע שטעט וואס זאלן מיט שטיין מיט אים, און ער האט געפילט אז דאס איז א מלחמת יחיד קעגן א רבים. זייענדיג פארנומען מטכס עצות צו זיין וויאזוי צו באקעמפן די רעפארם, האט ער באשלאסן צו פארן צו הגאון רבי נתן אדלער זצ״ל אבד״ק לאנדאן והמדינה ובעל נתינה לגר, ארייננצומישן דעם באקאנט אידישן פאלניטראפ הנגיד הצדיק הסיר רבי משה מאנטיפיורי זצ״ל, אין די פעולות אנטקעגן רעפארם. הערנדיג אז רבי נתן איז געפארן קיין האנאווער, וואו ער איז געבוירן און פריער געדינט אלס רב, כדי צו פייערן דעם יום הולדת פון זיין אלטע מאמע, וועלכע איז געווארן דעמאלטס אכציג יאר אלט, איז רבי שלמה זאפארט אהין געפארן זיך צו טרעפן מיט רבי נתן אדלער. למעשה איז אבער גארנישט געווארן דערפון וויבאלד רבי משה איז געווארן פארנומען מיט די בלוט בלבול אין דמשק וואס איז דעמאלטס געווארן באשטעטיגט, און ער איז נישט אנגעקומען מיט זיינע פעולות. רבי שלמה זייענדיג אפגעמאטערט פון

די שווערע קריג, און זעהנדיג ווי די שטאט פוזנא גייט לײדער מער און מער צום ריכטונג פון התחדשת צוליב די השפעה פון די רעפארמער, האט ער באשלאסן צוריק צו גיין קיין קאליש וואו עס איז דאן ליידיג געווארן די רבנות פאסטן. רבי שלמה איז אבער פלוצלינג שטערבליך קראנק געווארן און ער איז שוין דארט אין פוזנא נסתלק געווארן, ביום י"א טבת שנת תרי"ב. ומנו"כ אין פוזנא. מח"ס גליון המהרש"א על הש"ס ועל הרי"ף והרא"ש ושו"ע יו"ד, ושו"ת רבי שלמה איגר, וספר העיקרים, ועוד בכת"י. (ראה שנות דור ודור)

## הרה"ק רבי דוד טווערסקי מזלאטיפאלי זצ"ל

געבוירן בשנת תקצ"ד אין שטאט טשערנאביל, אלס בן הבכור צו זיין פאטער הרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זצ"ל און זיין מוטער מרת חנה ע"ה בת הרה"ק רבי פנחס מקאליק זצ"ל. בשנת תרי"ב האט ער חתונה געהאט מיט מרת בת ציון צפורה פייגא ע"ה טאכטער פון הרה"ק בעל בית אהרן מקארלין זצ"ל. זייענדיג אין אן יונגע עלטער האט ער באקומען סמיכה פון זיין פעטער, הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זצ"ל. נאך ביים לעבן פון זיין טאטע'ן האט ער שוין אנגעהויבן ארומצופארן אין די שטעט ווי די חסידים האבן געוואוינט און גענומען פון זיי קוויטלעך און פדיונות, און גע'פועל'ט ישועות פאר אידישע קינדער.

נאכן הסתלקות פון זיין טאטע איז ער געווארן אויפגענומען אלס מ"מ אין שטאט ראחמיסטריווקא, אין האט געפירט אינאיינעם מיט זיינע ברידער. עטליכע יאר שפעטער האט ער זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין די שטאט זלאטיפאלי. דארט האט ער אויפגעשטעלט זיין רבי'שן הויף. רבי דוד'ל איז געווען מפורסם מיט זיין קדושה און ער האט פארמאגט גאר א פרעכטיגער צורה. זיין פנים איז שטענדיג געווען בלוי, כעצם השמים לטהר. ווען ער איז געגאנגען אין גאס, האט זיין צורה געווארפן א פחד אויף אלע ארומיגע. ער איז נסתלק געווארן ביום י"א טבת, שנת תרע"ה ומנו"כ אין זלאטיפאלי (ראה בספר שלשלת הקודש)

# י"ב טבת

## הגה"ק רבי משה מרגליות זצ"ל בעל פני משה

געבוירן צווישן די יארן ת"ע - ת"פ אין שטאט קיידאן, וואס געפינט זיך אין די זאמטוט געגנט אין ליטא, צו זיין פאטער רבי שמעון זצ"ל. נאך זייענדיג א גאר יונג קינד האט מען אויף איהם שוין געזען די געוואלדיגע אײנשאפטן מיט וועלכע ער האט אין די שפעטערדיגע יארן גע'שמ'ט, מיט זיין מדות טובות און ריין הארץ, ובפרט איז ער געווען אויסגעצייכנט מיט מדות ענוה, און רוב שעות פון מעת לעת איז ער געזעצן און זיך מיגע געווען אויף תורה. נאך די חתונה -נאך זייענדיג א יונגע יונגערמאן- איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב בעיר מולדתו קיידאן און די גלילות, און האט דארט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. צווישן זיינע תלמידים ציילט זיך הגה"ק רבי אלי' מווילנא זצ"ל דער גר"א. ווען דער גר"א האט אמאל דערמאנט די מאמר חז"ל, הרבה למדתי מרבותי, ומחבירי יותר מרבותי, ומתלמידי יותר מכולם, האט ער געזאגט אז "הרבה למדתי מרבותי" איז מורי ורבי בעל פני משה וואס האט מיר אויסגעלערנט א דרך הלימוד אין ירושלמי.

ווען ער איז געווארן פערציג יאר האט ער געוואלט ארויף פארן קיין ארה"ק ת"ו זיך צו באזעצן דארט. האבנדיג גרויס תשוקה צו פארן קיין ארץ ישראל האט ער אנגעהויבן מפרש צו זיין די ירושלמי, און כדי צו קענען גוט מפרש זיין די ירושלמי האט ער צוליב דעם אויפגעגעבן די רבנות, און האט אנגעהויבן צו פארן איבער די לענג און ברייט פון אייראפא, און האט באזיכט און באבליטעקן צו טרעפן כתבי ידות און פרושים אויפן ירושלמי. ער האט באזיכט אין דייטשלאנד, ווי ער האט זיך אויפגעהאלטן אין די אינווזיטעטן אין פראנקפורט דאדר וואס זענען מיוחד צו פארשן געוויקסן און פלאנצונגען, מפרש צו זיין די ירושלמי סדר זרעים (ראה בספר אנציקלופדיה לגדולי ישראל דף 1124). ווי אויך איז ער געווען אין האלאנד, דארט האט ער זיך באקאנט געמאכט מיט הגה"ק בעל חכם צבי זצ"ל און האט דארט געדריקט די פירוש אויף סדר נשים. שפעטער, בשנת תק"ל, איז ער געווען אין ליווארנא - איטאליע וואו ער האט זיך באקענט מיט הגה"ק החיד"א זצ"ל. דארט האט ער עוסק געווען בתורה אין בית המדרש פונעם גביר רבי אליעזר חי שאלתיאל ריקאנאטי זצ"ל, און האט דארט אין ליווארנא געדריקט זיין פירוש אויף סדר נזיקין. אין די הקדמה שרייבט ער, אז אויף סדר זרעים איז ער שוין אויך פארטיג, און ער שרייבט צו "ואקוה בקרוב לגמור גם על סדר מועד" אבער למעשה האט מען שוין אויף סדר זרעים און מועד געדריקט נאך זיין פטירה.

זיין גרויסקייט אין תורה קען מען זען אין זיינע פרושים וואו ער קען זיך צומאל אויסדריקן "ולא נמצא זה לא בכל התוספתא ולא בכל הש"ס דהכא ולא בכל הש"ס דהתם" (מראה הפנים דמאי פ"ה ה"א). עס איז נישט קיין גרויסער וואונדער אז ער איז נתקבל געווארן בכל עדת ישראל און וועגן זיינע פרושים איז דער תלמיד ירושלמי געווארן א קנין רבים וואו הגאון בעל ערוך לנר זצ"ל דריקט זיך אויס, אז ווען נישט די פרושים "לא רבים יחכמו להבין ולהשכיל אמרותיו, באשר תהלוכותיו ולשונות הסוגיות נבדלו מהתלמוד בבלי אשר הורגלו בו". און ער אליין איז מעיד אויף זיך "מעיד אני עלי שמים וארץ כי הפירוש על הש"ס הזה [-תלמוד ירושלמי] שפרשתי הוא אחר החקירה והעיון והשקידה והיגיעה כי רבה, בערב היא באה ובבוקר היא שבה לחקור ולעיין ולחפש בכל חדרי הש"ס הזה ובכל התוספתא ובכל סדרי הש"ס הבבלי עם שיטת הגאונים ז"ל ופירושיהן כפי אשר השיגה ידי וכח".

במשך פון אלע זיינע נסיעות האט זיך נישט אפגעשטעלט זיינע געגעים אנצוקומען קיין ארה"ק ת"ו, וואו ער שרייבט אין די הקדמת פון זיינע ספרים "ומחכה ומצפה לבוא אל ארץ הקדושה במהרה, אם כה יאמר ה' המסייע להבאים לטהרה". אבער למעשה איז ער נסתלק געווארן אין שטאט בראד, ביום י"ב טבת שנת תקמ"א, ומנו"כ אין בראד. אויסער די דערמאנטע פירוש אויף ירושלמי האט ער אויך איבערגעלאזט די ספרים בכת"י פני המנורה עה"ת, ובאר מים חיים על הש"ס. (ראה ביומא דנשמתא גליון תקנ"ב)

## הגאון רבי משה כ"ץ זצ"ל אבדק"ק נייטרא

געבוירן בשנת תר"ב, צו זיין פאטער הגאון רבי מנחם כ"ץ פרוסטיץ זצ"ל אב"ד צעלים און זיין מוטער מרת ברכה ע"ה. ער האט געלערנט

ביי זיין טאטע אין צעלים און ביי הגאון רבי שמעון סופר זצ"ל אב"ד מאטערסדארף און ביי הגאון רבי אברהם שמואל בנימין סופר זצ"ל אב"ד פרעשבורג ובעל כתב סופר. בשנת תרכ"ה האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון הגאון רבי אברהם אהרן פשערהאפער זצ"ל אב"ד פרוינקירכען. ערשט האט ער געדינט אלס מ"מ אין שטאט וויען און נאך דעם האט ער משמש געווען ברבנות אין די שטעט, מאגענדארף און אין טאקייא און דערנאך אין נייטרא. ער איז געווען א גאון מפולג, צדיק תמים, און האט גדר גדר געווען און לוחם געווען אנטקעגן די פושעי ישראל. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ב טבת שנת תרפ"ז. (ראה בספר שם הגדולים מארץ הגר ובעלי זכרון 43)

## י"ג טבת

### הרה"ק רבי מנחם מענדל האגער זצ"ל אבדק"ק ווישווא

געבוירן שנת תרמ"ה אין די דערפל בעדעווליא אין מארמראש, צו זיין פאטער הרה"ק רבי ישראל מוויזשניץ זצ"ל בעל אהבת ישראל און זיין מוטער מרת הינדא ע"ה בת הרה"ק בעל אמרי נועם מדזיקוב זצ"ל. ער איז נתגדל געווארן על ברכי אביו. אין די יונגט האט ער שוין גע'שמ'ט אלס מתמיד עצום וואס לערנט אכצן שעה א מעת לעת. ער איז נסמך געווארן להורה דורך הגאון המהרש"ם מברעזאן זצ"ל און פון הגאון רבי בנימין ארי' ווייס זצ"ל אב"ד טשערנוויץ. בשנת תרס"ב, האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון זיין פעטער הרה"ק רבי מרדכי חארדוב זצ"ל מטאלנא (איידעם פון הרה"ק בעל אמרי ברוך מוויזשניץ זצ"ל).

נאך בחיי אביו, בשנת תר"ע, איז ער נתמנה געווארן אלס רב אין שטאט וויזשניץ וואו ער האט דארט מייסד געווען א ישיבה בית ישראל. בשנת תרע"ה, בעת די ערשטע וועלט קריג איז ער אינאיינעם מיט זיין טאטע'ן געגאנגען קיין גרויסווארדיין און אסאך געטוען דארט לטובות די פליטים פון די מלחמה. בשנת תרפ"א, איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט אויבער-ווישעווע, דארט האט ער מייסד געווען א ישיבה וואו עס האבן געלערנט עטליכע הונדערטע בחורים. ער אליין האט געדינט אלס מגיד שיעור און פארגעלערנט טעגליך שיעורים אין די ישיבה. נעבן די ישיבה האט ער אויפגעשטעלט א גרויסע קיך און עס זאל, און האט מבטל געווען דער ענין פון עסן טעג.

דער ווישווער רב איז געווען מפורסם אלס גאון בתורה וואס האט געלערנט יומם ולילה. אזוי אויך איז ער געווען באקאנט מיט זיין הרבצת התורה און האט מעמיד געווען טויזנטע תלמידים. ער איז געווען א מורא'דיגע בעל דרשן וואס האט געקענט האלטן דער עולם געשפאנט פאר לענגערע שעות. ער איז אסאך ארומגעפארן נאך געלט לטובות די ישיבה און איז געפארן קיין פראנקרייך, בעלגיע, שווייץ און דייטשלאנד. בשנת תרצ"ו, האט ער באזוכט ביי זיין שווער וואס האט געוואוינט אין אמעריקא, און זיין שווער האט אים אסאך געהאלפן גיין נאך געלט פאר די ישיבה.

בשעת ווען ער איז געווען אין אמעריקא איז זיין טאטע נסתלק געווארן און נאכן זיך אויפשטעלן פון די שבעה האט ער זיך צוריק געקערט קיין ווישעווע און האט דארט אנגעהויבן זיך צו פירן באדמורו"ת. עס האבן זיך אין אים מדבק געווען אסאך חסידים. א גאנצע וואך האט ער זיך געפירט וואו א רב און אוועקגעשטעלט תורה אין הלכה, אבער שבת ויום טוב איז געווען אינגאנצן אנדערש, ער האט זיך דאן געפירט וואו א רבי וואס טויזנטע זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצילו און זיך ווייקן ביי די תפילות אין טישן, שעפנדיג עצות, חיזוק און הדרכה ברוחניות ובגשמיות. אויך איז ער געווען די נשיא פון קפות רבי מאיר בעל הנס לצדקת עניי ארץ ישראל כולל וויזשניץ - באקווינע. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ג טבת שנת תש"א, ומנו"כ אין שטאט ווישעווע. נאך די צווייטע וועלט קריג האט מען ארויפגעטראגן זיין ארון קיין ארה"ק ת"ו און עס איז נטמן געווארן אין אוהל פון ציון אביו הק' אין ביה"ח בזכרון מאיר בבני ברק. מח"ס שארית מנחם. (ראה בספר ראשי גולת אריאל)

## י"ד טבת

### הגאון רבי יהודא ליבער חריף זצ"ל מקראקא

געבוירן בערך שנת ת"ק, אין שטאט קראקא, צו זיין פאטער רבי בנימין קארנגלאנד זצ"ל. ער האט געלערנט ביי הגאון רבי רפאל הכהן זצ"ל אב"ד אה"ו ובעל ושב כהן ותורת יקותיאל. ער איז געווען אן איידעם ביי רבי ליב ר' זיינוועלש זצ"ל. ער האט משמש געווען אלס דיין אין שטאט קראקא און האט אויך פארמאגט א ישיבה גדולה וואו ער האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים. פון ווייטער שטעט אין מדינות איז מען געקומען לערנען אין זיין ישיבה. צווישן זיינע תלמידים ציילט זיך הגאון רבי ברוך תאומים פרענקל זצ"ל אב"ד לייפניק ובעל ברוך טעם וואס דריקט זיך אויס אויף זיין רבי'ן (בספרו עטרת חכמים) "אז ער איז געווען דער גרעסטער פון די חריפים בזמנו". ער איז נסתלק געווארן ביום י"ד טבת שנת תקע"ב ומנו"כ אין קראקא. (ראה בספר לוחות זכרון - קראקא)

## ט"ז טבת

### הגאון רבי יצחק צבי הלוי יונגרייז זצ"ל אבדק"ק קאשוי

געבוירן בשנת תרכ"ז אין שטאט באלאשא יארמוט, צו זיין פאטער הגאון רבי משה הלוי יונגרייז זצ"ל אב"ד קאשוי און זיין מוטער מרת פיגא ע"ה בת רבי נח יעקב לעווי ז"ל, פון שטאט האריטאן. ער האט געלערנט ביי זיין פעטער רבי שמואל דוד יונגרייז זצ"ל אב"ד ור"מ פעהער-דיארמאט בעל שו"ת מהרשד"ה, און ביי הגה"ק רבי יקותיאל יהודא טייטלבוים זצ"ל אב"ד ור"מ סיגוט בעל יטב לב. בשנת תרמ"ח האט ער חתונה געהאט מיט מרת מרים ע"ה טאכטער פון הגאון דוד הכהן זאלצער זצ"ל ראב"ד מונקאטש. נאך די חתונה האט ער נישט געוואלט נהנה זיין מכתרה של תורה, האט ער געעפנט א געשעפט אין שטאט פעהער-דיארמאט כדי ער זאל זיך קענען מפרנס זיין מיגיע כפו, און יעדע איבריגע מינוט אויסגענוצט צו לערנען בהתמדה רבה. זיין נאמען האט אנגעהויבן צו שיינען אלס גדול בתורה. בשנת תרמ"ט האט ער פארלוירן זיין גאנצע רכוש, איז ער געגאנגען זוכן א רבנות פאסטן און איז נתקבל געווארן אלס רב אין ניר- מעדיעש. דארט איז

ער געזעצן פאר זיבעצן יאר און האט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים פארמאגנדיג א ישיבה. נאכן פטירה פון זיין טאטע'ן, ביום ד' סיון שנת תרס"ו, איז ער נתקבל געווארן אלס מ"מ רב אין שטאט קאשוי. דארט האט ער אויך אנגעפירט א ישיבה. בימיו איז די קהילה אין קאשוי גרעסער געווארן און עס איז געווארן פאר איינס פון די שענסטע קהילות אין עסטרייך אונגרין.

נאך די ערשטע וועלט קריג זענען פיל פליטים פון גאליציע אנגעקומען קיין קאשוי און רבי יצחק האט זיך דעמאלטס אסאך אפגעגעבן מיט זיי. אזוי אויך זענען אסאך רבנים און אדמורי"ם אנגעקומען קיין קאשוי, וואס הגם און אנדערע שטעט האבן זיי נישט געקענט גיין -צוליב וואס דארט האבן זיי געשפירט אז זיי גייען פוגע זיין בכבודם פון די רבנים יושבי על מדין- האבן זיי אבער אין קאשוי געטראפן א רב וואס האט נישט געהאט קיין קפידה., ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ו טבת שנת תרפ"ג ומנו"כ אין קאשוי. (ראה בעלי זכרון 15)

## ט"ז טבת

### הרה"ק רבי אלעזר רובין זצ"ל מסאסוב - אדה"ב

געבוירן שנת תרכ"ג צו זיין פאטער הרה"ק רבי יעקב יוסף זצ"ל אבד"ק גלאגוב און זיין מוטער מרת העסיא ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי אלעזר מקאשניץ זצ"ל. אלס קליין קינד איז ער ל"ע נתייסם געווארן (הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זצ"ל האט געדאגה'ט פאר די משפחה און זיי אויסגעהאלטן). יונגערהייט האט ער שוין גע'שמ'ט מיט זיין תורה און חסידות. בזיוו"ר האט ער חתונה געהאט מיט מרת חיה ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי אורי מראהטין זצ"ל און נאך דעם וואס זי איז נפטר געווארן האט ער האט חתונה געהאט בזיוו"ש מיט מרת רעכל ע"ה טאכטער פון הרה"ק רבי שלמה מסאסוב זצ"ל בן הרה"ק בעל לב שמח מאלעסק זצ"ל.

ביים ערשטן וועלט קריג האט ער געמיזט פארלאזן זיין היים לאנד, איז ער, בשנת תרפ"א, געקומען קיין אמעריקא און זיך באזעצט אין איסט סייד מאנהעטן ניו יארק, וואו ער האט געעפנט א בית מדרש. ער איז געווען אן איש צדיק, א חסיד וקדוש. ער איז געווען באקאנט אלס גאר שיינע בעל תפילה וואס האט געדאווענט מיט א געוואלדיגע נעימות און השתפכות הנפש. אזוי אויך איז ער געווען א בעל מנגן און מלחין וואס זיינע ניגונים זענען געזינגען געווארן דורך טויזנטע חסידים. זיין ביהמ"ד איז געווען א תל תלפיות פאר תלמידי וחסידי סאסוב, און איז געשטאנען על המשמר קעגן השכלה און ציונות וואס איז געווען שטארק פארשפרייט אין אמעריקא אין יענע צייט. ער אליין האט נישט משנה געווען פון די מנהגים און לבושי אבוה"ק, נאר זיך געפירט אזוי ווי אינדערהיים אין גאליציע. ער איז נסתלק געווארן ביום ט"ז טבת שנת תרצ"ג ומנו"כ אין בביה"ח בית דוד, חלקת חבורת אגודת אלעזר מסאסוב, לאנג איילאנד ניו יארק, מח"ס זכרון אלעזר על התורה ומועדים. (תולדותיו שמעתי מפי נכדו ידידי הרה"צ בנש"ק רבי אלטר יעקב יצחק ראזנבערגער שליט"א ממאנסי ניו יארק ותשחח"ל).

## י"ז טבת

### הרה"ק רבי אפרים פישל מסטריקוב זצ"ל

געבוירן בשנת תק"ה, אין שטאט גאמבין, צו זיין פאטער הרה"ק רבי יוסף יהודה ליב זצ"ל אב"ד שדה לבן . ער האט זיך מסתופף געווען בצ"ק פון הרה"ק רבי דוב בער זצ"ל המגיד ממעזריטש, הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זצ"ל, הרה"ק רבי עוזיאל מייזליש זצ"ל מרישטוואהל ובעל תפארת עוזיאל. נאך די חתונה האט ער געוואוינט אין שטאט בערזין. איין יאר אויף די ימים נוראים איז ער געפארן זיך מסתופף זיין בצ"ק פון הרה"ק רבי משה לייב סאסוב'ער זצ"ל, וואס האט זיך אויפגעהאלטן דעמאלטס אין שטאט סטריקוב. נאך יום טוב, ווען רבי פישל'ע איז זיך געגאנגען געזעגענען, האט רבי משה לייב זיך צו אים אנגעריפן "פאר נישט אהיים, נאר דא זאלסטו בלייבן, די ביזט סטירקוב'ער רבי", רבי משה לייב האט אים דאן געבענטשט און אים מסמיך געווען.

רבי פישל'ע האט זיך דאן באזעצט אין סטריקוב ווערנדיג מפורסם מיט זיין קדושה און פרישות, און אלס בעל מפות ופועל ישועות. ווי אויך איז ער געווען א געוואלדיגע אוהב ישראל און האט ממליץ טוב געווען אויף אידן און אזוי משפיע געווען השפעות טובות פאר אידישע קינדער. הרה"ק רבי משה'לע קאשניצ'ער זצ"ל דריקט זיך אויס אין א הספד אויף איהם "קדוש ה' כזה, שהיה פרוש ומובדל מהעולם הזה לגמרי, אשר לא טעם לחם בכל ימות השבוע, ומשבת לשבת לא נטלו ידיו לסעודה וגדול הסיגופים של איש צדיק הזה וכו' אין לשער ולספר" [- "אזא קדוש ה' וואו איהם, וואס איז געווען פרוש ומובדל אינגאנצן פון עולם הזה, און האט נישט טעם געווען ברויט א גאנצע וואך, משבת לשבת האט ער זיך נישט געוואשן די הענט פאר א סעודה, די גרויסע סיגופים פון דעם איש צדיק קענען מיר זיך נישט פארשטעלן"]. ער איז נסתלק געווארן ביום י"ז טבת שנת תקפ"ה, ומנו"כ אין סטריקוב. (ראה בספר להב אש - זכלין עמ' 10 ולהלן)

ליטול חלק בהוצאת הגליון ולהארות והערות או לקבל הגליון,
ניתן לפנות
yoimabhillula@gmail.com